דאָס זענען די שאָדענס. וואָס מען קען שוין היינט פאָראויסזעהען, אויסער נאַטירליך איבער־ראשונגען, אין וועלכע אזא סיטואַציע איז רייך... יעדער איינ־ציגער יודישער אַרבייטער מוז זיך אלזאָ גוט מיישב זיין, בעפאָר ער וויל מאַכען אזא געפעהרליכען שפּריינ.

# ליעדער.

אַך! א שוואַרצע מרה שחורה
ליענט אויף מיין געמיטה;
טרעט ניט אָפּ פֿון מיר קיין רגע,
היט מיין יעדען טריט.

און איהר בייזער שלעכטער פּנים
שרעקט מיין יונגע ליעד. —
און דאָס קומט ארויס פֿון הארצען
בלאַס און קראַנק און מיעד!

ווען איך זעה די העלע שטערען
וואַכט מיין בייגשאַפט אויף געשווינד
און מיר דאַכט זיך, אז זיי זאָגען:
אַך, דו אָרים, עלענד קינד!

זעה: מיר טויליען זיך צוזאַמען
און מיר לייכטען העל און שעהן...
האָסטו נאָר קיין איינציג פריינד ניט?
תמיד וואַנדערסטו אליין!

אין א העלע נאַכט, צום הימעל
הויב איך אויף מיין בליק,
און איך פרעג: וואו איז דער שטערען
פֿון מיין לעבענס גליק?

און א וואָלקען קומט א שוואַרצער,
הילט דעם הימעל איין... —
גאָט! צו ווילסט ניט, אז מיין טענה
נ׳ הימעל זאָל אריין?!

מיט טרעהרען בעגריס איך דעם מאָרגען,
דעם ליכטיגען, פרעהליכען שטראַהל;
די נאַכט, אוי, זי האָט מיך פערמוטשעט,
צוגאָסען אין בלוט מיר דאָס גאַל!

מיין פינסטערער, עלענדער עבר
געקומען צו חלום איז מיר;
פֿון וועהטאָג, פֿון שמערצליכען אומעט,
צושפּרונגען מיין הארץ איז ניט שיעור!..

. . . . . . . . . . .

איך האָב מיין ליעד געשיקט
אין דער וועלט אַריין —
עס זאָל דערצעהלען דאָרט
פֿון מיין קלעגליך זיין...

און איינמאָל ביי דער נאַכט
עפענט זיך די טהיר,
און טרויעריג מיין ליעד
קומט אַריין צו מיר.

און זאָגט: פערשטיקט מיין קול
(האָט דעם לעבענס רויש;
אין דער וועלט דער גאַנצער
הערט מיך קיינער אויס!

ס. ק.

# פעליעטאָן.

ססס

## רעטונג.

פֿון

פּאול מאַרגעריטע.

ביים טייך האָט זיך געהערט א געוואַלטיג געשריי. א שעהנע דאַמע מיט א ווייסען שערם אין דער האַנד איז געלאָפען ביים ברעג פֿון טייך און געשריגען מיט אַלע קרעפטען:

— רעטעט מענשען! ער טרענקט! רעטעט!

אין דער זעלבער צייט איז ביים טייך קיינער ניט געווען. די איינוואוינער, וועלכע האָבען ניט ווייט געוואוינט, האָבען יעצט מיטאג געגעסען. אויף דעם געשריי פֿון דער דאַמע האָבען זיך אָנגעהויבען עפענען די פענסטער; פערשידענע פער־ווינדערטע פּנים׳ער האָבען זיך פֿון די פענסטער בעוויזען. פֿון איין הויז איז אַרויס אַן ארבייטער און האָט זיך אַנידער געשטעלט, ארום קוקענדיג זיך פֿון וואַנען געהט דאָס געשריי. נאָך איהם האָט זיך בעוויזען א צווייטער — נורי.. דיעזער איז אריין געשפּרינגען אין א שיפעל, וועלכעס איז געשטאַנען ביים טייך, דען פֿון דאַנען האָט מען בעסער געזעהען. מיט דער האַנד האָט ער זיך פערשטעלט די אויגען פֿון דער זון. די דאַמע מיט׳ן ווייסען שערם האָט געשריגען וואָס א מאָל העכער:

— רעטעט!

— וואָס טהוט מען? — האָט זיך אָנגערופען נור, און האָט זיך אַרויס גע־בויגען פֿון שיפעל — וואָס טהוט מען?

ער האָט אָנגעהויבען אויפצובינדען דעם שטריק, מיט וועלכען דאָס שיפעל איז געווען צוגעבונדען. ער האָט דאָס געטהון לאַנגזאַם און געקלעהרט. וואָס מעהר ער האָט געקלעהרט, אַלס לאַנגזאַמער האָט ער דעם שטריק אויף געבינדען. [illegible] איז דען ניט גרינג זעלבסט דערטרינקען צו ווערען, ווען מען רעטעט עמיצען?

צוויי טריט פֿון איהם איז געשטאַנען דער אַרבייטער, וועלכער האָט פּלוצלינג א געשריי געטהון:

אַ, דאָרט וועהט איהר... אַ קאָפּ מיט שוואַרצע האָר! האָב ניט קיין מורא! — האָט ער געשריגען צום געטרענקטען — האַלט דיך נאָך א ווילע! און ניט קוקענדיג אויף זיין פרוי, וועלכע האָט איהם צו גערעדט דאָס ער זאָל געהן צום מיטאָג, האָט ער אַראָבגעוואָרפען פֿון זיך דאָס האַלאַטעל און דאָס וועסטעל.

דאָס געשריי פֿון דער דאַמע אויף יענער זייט ברעג פֿון טייך האָט ניט אויפגעהערט. עס איז געווען שרעקליך.

דאָס גאַנצע נורי׳ס הויזגעזינד, וועלכעס איז געווען געעהרט אין שמידעשטעל איז אַרויס פֿון הויז, האָבען זיך געגאַפיעט. די בעל הבית׳טע האָט צו נורי א געשריי געטוהן:

— שווים צו מיט׳ן שיפעל און יוסף זאָל מיט דיר געהן!

דעם אַרבייטערס פרוי האָט געשריגען:

— האַלט איין מיין מאַן, עס קען זיך נאָך עפּעס געשעהען. ווער עס וויל יענעם רעטען ווערד זעלבסט פערלוירען. וואָס געהט אונז אָן די דאַמע?

נורי האָט אַלזאָ אויפגעבונדען דאָס שיפעל, געהאַפּט א ווינקעל [illegible] צו געשווימען צו די דאַמע מיט׳ן שערם, וועלכע האָט געבראָכען די הענד און געמאַכט פערשיעדענע טראַגישע פּאָזעס. אויף׳ן שנאבעל פֿון שיפעל איז געשטאַנען דער אַרבייטער, וועלכער איז געווען אויסגעטהון און גרייט אריין צו שפּרינגען אין וואַסער, אום צו כאַפּען דעם קאָפּ פֿון׳ם געטרענקטען.

— האָבען זי ניט קיין מורא! — האָט געשריגען ה׳ נורי, — מיר [illegible]

— וואָס פאַר אַן אונגליק! האָט זיך אָנגערופען יוסף — דער קאָפּ מיט שוואַרצע האָר איז אַרונטער אונטערן וואַסער!

# Do Ameryki i Kanady!



przeprawia najtaniej i najlepiej pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt:

Generalny agent

**M. G. Freudberg,** ANTWERPIA 10. Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do **Nowego Yorku** co sobotę; do **Kanady** co 10 dni! Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od tej Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.

---

**Darmo i opłatnie** otrzyma każdy mój bogato illustrowany cennik **Instrumentów muzycznych** [illegible] oraz różnych zabawek



**A. Scheuer, Kraków**

ulica Grodzka L. 59/6.

---

# די בילליגסטע בעצוגסקוועללע



אין גוטען אוהרען, גאָלד און זילבער, ביזשוטערי, אוהרען־בעשטאנד־טיילע אין ווערקציינגע, ווי איך מוזיק־אינסטרומענטע איזט ביי

**I NATZ CYPRES, Krakau**

FLORYANERGASSE 49.

איינע ניקעלטאַשענאוהר מיט 36 שטיק פרימא ווערקע מיט אויס־שריפט „סיסטעם ראָסקאָפף“ מיט דרייאיעהריגער גאַראַנטיע זאמט שענער ניקעלקעטע און לעדערבייטעל פל. 1.95.

ביי אבנאהמע פון דריי שטיק פל. 5.50, זעכס שטיק פל. 10.—.

רייך איללוסטרירטער פרייז־קוראַנט מיט 800 אבבילדונגען גראַטיס און פראַנקאָ.

**אגענטען ווערדען געזוכט!**

Nr. 13/14

---

# די אידישע ארבייטער ביבליאָטעק

פון

## דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

| | |
|---|---|
| גן־עדן התחתון. פרייז: | 2 העלער. |
| קאוטסקי. די אונאַבהענגיקייט פון פוילען. פרייז: | 10 „ |
| פייגענבוים. ווי קומט א יוד צו סאָצ.? פרייז: | 20 „ |
| א. ווראנסקי. די אידען אין פוילען. פרייז: | 10 „ |
| ש. דיקשטיין. פון וואס איינער לעבט. פרייז: | 20 „ |
| וואס יעדער ארבייטער דאַרף וויסען און געדענקען. | 30 „ |
| ליעבקנעכט. די וואהרהייט איבער דעם סאָצ. | 30 „ |
| די אַרבייטער רעוואָלוציאָן. פרייז: | 15 „ |
| א. דעמבסקי. סטאַניסלאַוו קוניצקי. פרייז: | 10 „ |
| מ. מיכלזאָהן. הערשעל דער שנייַדער. פרייז: | 10 „ |
| לאַטאַרניק. יאראָסלאַוו דאָמבראָווסקי. פרייז: | 10 „ |
| שפיאָן. פרייז: | 15 „ |
| לאַטאַרניק. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן. | 20 „ |
| ב. א. י. לורוויג וואַרינסקי. פרייז: | 20 „ |
| אמעריקאַנער. פיל יפינא פלאַסקאָוויצקא. פרייז: | 10 „ |
| אַרבייטער געדיכטע. פרייז: | 30 „ |
| ב. א. י. אוגוסט בלאַצקי: פרייז: | 10 „ |
| א קלאָרער ענטפער (ביילאגע צום 8־טען נומער „ארבייטער“). פרייז: | 15 „ |
| די אַרבייטער סאָלידאַריטעט און דער קאַמפף אום דאזיין. פרייז: | 10 „ |
| פערדינאַנד לאַסאַל. פרייז: | 15 „ |
| מ. מיכלזאָהן. טאַדעאוש קאָשציושקאָ. פרייז | 20 „ |
| ב. פייגענבוים. דער רעכטער וועג. א ויכוח וועגען די פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי און איהרע פּאָדערו[illegible] אין צוויי טהיילען. פרייז: | 80 „ |

די אַלע בראָשורען ווי אויך אַלע פוילישע אויסגאַבען פון פ. פ. ס. זיינען צו בעקומען אין דער אדמיניסטראַציאָן פון „פשעדשוויט“ Kraków, Grodzka 50.

---

# Ostrzeżen[illegible]

**przed bezwartościowemi naśladownictwami!**

# KUNEROL

z poręczen. najczyściejszy tłuszcz roślinny z orzechów kokosowych zawierający 100% tłuszczu. — Żądać „KUNEROLU“ w każdym lepszym handlu spożywczym. Do miejscowości, gdzie niema „KUNEROLU“ wysyłamy na próbę około 5 kilogr. brutto po cenie Kor. 6·50 opłatnie do każdej stacyi pocz. austr. [illegible] za zaliczką. — Dla hurtowników specyalne ceny. Broszurki i świadectwa lekarzy darmo.

**Najstarsza i największa fabryka tłuszczu roślinnego w monarchii**

**Emanuel Khuner & Sohn**

Wien, XIV/2.

---

Proszę zawsze żądać **Wyrobu krajowego!**

**Munka oszczędzające, jędrne mydło**

**z „nosorożcem“ lub „kosą“**

z Pierwszej Galicyjskiej Parowej Fabryki **mydła i świec**

**Szymona Munka w Żywcu**

(Założonej w roku 1846) Próbki i cenniki darmo.

